# אוצר השבת

ארויסגענומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## מצות קידוש

### הייליגן דאס מויל פאר יעדע סעודה

**שטייט** אין ספר ראשית חכמה [פ"ג שער הקדושה] אז שבת איז א מצוה זיך צו הייליגן דעם מויל. דער וועג צו הייליגן דעם מויל איז דורכן דאווענען, מאכן קידוש און זינגען זמירות ווען דער שבת קומט אריין און ווען דער שבת גייט ארויס (ביי סעודת מלוה מלכה).

**אויך** איז א גרויסער ענין אז איידער מען גייט עסן די דריי סעודות שבת זאל מען ארויסזאגן מיטן מויל אלע מאמרי חז"ל פון פרק כל כתבי [שבת קי"ח], וואס רעדן פון די גרויסקייט און דער שכר פון די וועלכע זענען מענג דעם שבת. ביים שבת טיש זאל מען רעדן דברי תורה, און ארויסזאגן מיטן מויל וואס מער די ווערטער 'הייליגער שבת'. **שלה"ק, שבת, פרק נר מצוה ס"א**

**דער** באר יעקב ברענגט אין נאמען פון ספר אור צדיקים אז איידער מען גייט עסן א סעודה איז גלייך אז מען זאל לערנען תורה. דעריבער איז דער מנהג ביי חסידים ואנשי מעשה אז פאר קידוש זענען זיי מדקדק צו לערנען ביי די שבת ליכט. **עי' אליהו רבה סי' רמ"ב סק"א**

### היטן דאס מויל בשעת הסעודה

**עס** איז נישטא קיין העכערע זאך אין דער וועלט אזויווי א סעודת מצוה, און כל שכן די שבת'דיגע סעודות. ווען די משפחה זיצט צוזאמען, וואס דאס איז מסוגל אויף מערערע ענינים, אנצובינדן א ליבשאפט אין די משפחה, וואס דאס ברענגט צו אן הכנעה, און דאס איז מסוגל משפיע צו זיין פרנסה און אלעס גוטס וואס איז שייך אויף דער וועלט. די אלע סגולות איז אבער נאר אויב מען זיצט ביים שבת טיש מיט אן אמת'דיגן הארץ, און מיט אן אפגעהיטן מויל, און אויב מען רעדט נישט ביים שבת טיש קיין דברים בטלים.

**נוצר חסד פ"ו מ"ח**

### דער שכר פון עסן סעודות שבת

**די** גמרא ברענגט רבי שמעון בן פזי זאגט, אז רבי יהושע בן לוי זאגט אין נאמען פון בר קפרא, אז דער שכר פאר די מצוה פון מקיים זיין די דריי סעודות שבת איז אז מען וועט זוכה זיין ניצול צו ווערן פון די דריי צרות וועלכע וועלן זיין פאר די גאולה שלימה - חבלי משיח, שטראף פון גיהנם, און מלחמת גוג ומגוג. מען וועט אויך אפגעהיטן ווערן פונעם שווערן דין וואס ווארט אויפ'ן מענטש צוליב די עבירות וואס ער האט געטאן.

**שבת קיח.**

**דער** חכם וואס עסט נישט סעודות שבת און איז נישט מענג דעם שבת וועט פארגעסן זיין לערנען. **נפש יתירה מערכת ש' אות ס"ו**

**הרב** הקדוש רבי צבי הירש מרימנוב זי"ע האט געפרעגט, מיר זאגן ביי די זמירות שבת 'מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא יוֹם שַׁבָּת מְנוּחָה' - פון די גוטסקייט פון עולם הבא איז דער שבת, און דעריבער וועלן די אלע וואס טוען זיך אן תענוגים אום שבת זוכה זיין צו פיל פרייד. די צוויי זענען דאך פונקט פארקערטע זאכן, ווייל אין עולם הבא איז נישטא קיין עסן און טרינקען, און די מצוה פון שבת איז אז מען זאל דוקא יא עסן און טרינקען?

**האט** הרב הקדוש מרימנוב גענטפערט אזוי, אז פונקט ווי דער פארגעניגן אין עולם הבא איז, אז מען וועט קענען דעגרייכן דעם ריכטיגן פארשטאנד ווי אזוי מורא צו האבן און ליב צו האבן השם יתברך, אזוי אויך, דורך עסן די סעודות שבת לכבוד שבת, איז מען זוכה צו יראת שמים. דעריבער איז דער שבת 'מעין עולם הבא'.

**תפארת חיים, מוגלינצא**

**די** מצוה פון עונג שבת איז מען מקיים דורך עסן מאכלי שבת וואס איז גשמיות, אבער דער שכר דערויף–וואס איז שכר רוחני–באקומט מען אויף יענע וועלט. וויאזוי קען דאס זיין?

**מיר** האבן א כלל אז די השפעה פון השם יתברך איז לויט ווי מען איז מקיים די מצוה, ווי די גמרא רעכנט אויס [ראש השנה טז] אז סוכות ווען השם יתברך משפט די וואסער איז מען מקיים די מצוה פון נסוך המים כדי השם יתברך זאל דעמאלטס בענטשן די וואסער, פסח ברענגט מען דעם קרבן עומר, ווייל דעמאלטס משפט השם יתברך די תבואה, א.א.וו.

**דעריבער** מוזן מיר זאגן אז כאטש די מצוה פון עונג שבת זעהט אויס ווי אן ענין גשמי, איז אבער דער שורש פון די מצוה אן ענין רוחני, וואס דעריבער איז נישט שייך אז מען זאל קענען באצאלן דערויף שכר אויף דער וועלט. דערפאר באקומט מען דעם שכר נאר אין עולם הבא.

**דברי יואל**

## השפעות סעודות שבת

**עס** איז באקאנט אז דורך די סעודות שבת קומט אן השפעה און א ברכה סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. ווי די גמרא זאגט [שבת קי"ט], אז די רייכע מענטשן, צוליב דעם וואס זיי זענען מכבד דעם שבת, זענען זיי רייך געווארן.

**שטייט** אין זוהר הקדוש אז אלע זעקס טעג פון דער וואך ווערן געבענטשט דורך די סעודות שבת. **זוהר פ' יתרו דפ"ח**

**דורך** דעם וואס מען איז מכבד דעם שבת מיט זיסע עסנס און מיט בכבוד'יגע מלבושים יעדער איינער לויט זיין פארמעגן, איז מען ממשיך א שפע פון פרנסה, ברויט צום עסן און קליידער אנצוטוען אויף א גאנצע וואך.

**קול יעקב פ' בהר מבעל מלא הרועים**

**כבוד** שבת איז מער ווי טויזנט תעניתים.

**מדרש תנחומא, בראשית ג'**

**דורכ'ן** עסן אום שבת קען דער מענטש האבן א גרעסערע עליה ווי דורך דאווענען אום שבת.

**תורת אבות לשבת, בשם הרה"ק הר"א מסלונים זצ"ל**

**אויב** א מענטש שפירט נישט די טעם פון סעודות שבת זאל ער מתפלל זיין צו השם יתברך דערויף. **שם**

**הרב** הקדוש רבי משולם פייבוש מ'זבאריזש זצ"ל ברענגט אין זיין ספר אז איינמאל אינמיטן עסן סעודות שבת איז דער יצר הרע געקומען צו אים און האט אים געפרעגט, ווי אזוי מעגסטו עסן? האסטו דען היינט גדאווענט ווי עס פארלאנגט זיך? אויב נישט, ווי האסטו עובר געווען אויף די רייד פון די חכמים, אז מען טאר נישט עסן איידער מען דאוונט?

**האט** ער געענטפערט פארן יצר הרע, דו זאלסט וויסן אז מיט רעכט עס איך די סעודות שבת. ווייל דאווענען איז מען נאר מחויב מדרבנן, אבער צו עסן סעודות שבת איז מען מחויב מן התורה, דעריבער קען נישט קומען דאס דאווענען וואס מען איז נאר מחויב מדרבנן, און אוועקשטויסן דעם חיוב פון סעודות שבת וואס מען מוז מקיים זיין מן התורה. **יושר דבר אמת סיפורים**

**שטייט** אין זוהר הקדוש אז די דריי סעודות פון שבת קומען משלים זיין די זיבן ברכות פון די שבת'דיגע תפלה, כדי עס זאל ווערן צען ברכות. האט הרב הקדוש מהר"י מקוזמיר זצ"ל געזאגט, אז פון דעם איז משמע אז יעדע שבת'דיגע סעודה ווערט גערעכנט ווי נאך א ברכה צו די תפלה, דעריבער קומט אויס אז יעדע סעודה איז גרעסער פון די תפלה.

**זיין** זוהן פלעגט זאגן, אז אזוי ווי די סעודות פון שבת זענען א חלק פון די שטילע תפלות, פלעגט ער מקפיד זיין אז ביים שבת טיש זאל זיין זייער שטיל, פונקט ווי מען דארף זיין שטיל ווען מען דאוונט די שטילע שמונה עשרה. ער פלעגט זאגן מיט דעם לשון: איז דאך דער שבת'דיגער טיש א שטילע שמונה עשרה.

**הרה"ק רבי שמואל אליהו מזוואלין זצ"ל**